הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (תולדות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וכל זה לעשות הכנה |
| שני | ולזה הכוונה שלח |
| שלישי | וזהו ויצא יעקב |
| רביעי | ובזה יובן פסוק |
| חמישי | ובאמת כשמגביהין עד ד"ה וכל זה האמור |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש
גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
פרשת חיי שרה תשפ"ה / גליון קי"ב

0722 531 385
מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
חברים מקשיבים
ספעציעלע פאנעל
מיט חשוב'ע יונגעלייט שליט"א
יעדן ליל שישי אויף נומער 9

## חסיד'יש געשמאַק

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אזוי גוט אז עס איז שווער...

## איך זוך נישט אבי צו יוצא זיין אז דאס איז שוין אויך ערלעדיגט... נאר איך זוך 'קשר' צום בורא כל עולמים, און דעריבער לאזט ער מיר טון וואס מער - כדי דער 'קשר' זאל זיין וואס מער

דער טעלעפאן נומער וועלכע איז ארויפגעקומען אויפן סקרין האט געוויזן, אז דא רופט מען פונעם רבי'נס שטוב. דער נגיד ר' מענדל הייבט אויף דעם טעלעפאן מיט א קענטיגע פרייד. די גאנצע פאמיליע וועלכע זיצט בים טיש, און זעען ווי זיין פנים שיינט אויף - פארשטייען שוין אליינס וואספארא בשורה מען זאגט אים אן דארט אויפן אנדערן זייט טרייבל: "ר' מענדל, איר וועט טאקע קענען האבן די זכיה!", הערט ער דעם גבאי'נס שטימע, "דער רבי שליט"א האט איינגעשטימט צו קומען איינשטיין ביי אייך אין דער דירה - ווען ער וועט זיין צוגאסט ביי אייך אין שטאט אויף 'שבת שירה'!".

אבער דער פארזעצונג פונעם שמועס האט עטוואס פארטונקלט ר' מענדל'ס געזיכט: "דו דארפסט זיך נישט אנשטרענגען ר' מענדל אנצוגרייטן גארנישט! מיר וועלן שוין אלעס מסדר זיין! מיר וועלן אראפשיקן פון פאראויס א גאנצן שטאב, זיי וועלן רוימען, אנגרייטן, קאכן און ארגאניזירן אלץ וואס עס פעלט זיך אויס! מיר דארפן פון אייך בלויז איין זאך: אייער גרויסע הערליכע דירה".

ר' מענדל האט געוואלט וויינען: "וואס האב איך שלעכט געטון?!", האט ער זיך ממש צושריגן, "פארוואס זאלט עטץ אלעס מסדר זיין? איך וויל אליינס אנגרייטן די דירה! איך וויל אליינס אויפרוימען, ארגאניזירן און אנגרייטן אלץ וואס עס פעלט זיך אויס! וואס איך קען נאר טון מיט די אייגענע הענט פארן צדיק הדור - וויל איך אליינס טון! פארוואס ווילט עטץ צונעמען די זכיה פון מיר?".

דער גבאי האט זיך שנעל פארענטפערט: "אנטשולדיגט מיר ר' מענדל, איך בעט אייך איבער פארן מצער זיין. איך האב פשוט געוואלט אייך פארגרינגערן - מיינענדיג אז איר גיבט אוועק די דירה מיט א גרויסהאלטערישקייט ווי געוויסע גבירים, פירן זיך און דעריבער האב איך געמיינט אז מען דארף זיך היטן פון בעטן איין טובה איבריג, ווייל נאכדעם קען מען אלעס דערלייגן... אבער אויב נעמט איר אריין דעם רבי'ן מיט אן עכטע ביטול און מיט א חשק צו האבן שייכות מיטן צדיק, וועל איך אודאי נישט צונעמען פון אייך דעם פארגעניגן פון אנגרייטן די דירה פארן צדיק און האבן נאך א גרעסערן שייכות מיט אים!".

## ביטע, לאז מיר זיך אנשטרענגען

דער 'קדושת לוי' אין אונזער פרשה, פארענטפערט א שווערע קושיא וואס יעדער האט זיך שוין מסתם באגעגנט דערמיט: פארוואס געשעט, אז דוקא ווען מען וויל טון עפעס פארן אויבערשטן - ווערט עס פארקאטשעט? ווען מען דארף גיין גאר פרי צו ערלעדיגן עפעס אינעם שטאטישן אפיס - איז נישט אזוי שווער זיך ארויסצורייסן פון בעט פארטאגס. אבער ווען מען שמועסט אפ מיט א חברותא צו לערנען מארגן פארטאגס - ווערט עס שוין א גאנצער עסק, ביז מען קען זיך ענדליך ארויסזען פון בעט... און אזוי איז פארהאן צענדליגער ביישפילן. און די קושיא שרייט זיך ארויס: וויאזוי קען זיין, אז ממש די זעלבע זאך, אויב טוט מען דאס פאר די אייגענע געברויכן - איז עס זייער לייכט צו טון, און אויב טוט מען עס פארן אויבערשטן - ווערט עס אזוי אנגעשטרענגט?

איז דער 'קדושת לוי' מסביר מיט א גלאטקייט: ווען דו טוסט עפעס פאר דיר אליינס, קומט דער גוטער באשעפער און מאכט עס דיר לייכט, כדי עס זאל דיר זיין געשמאקער. אבער ווען דו קומסט טון א מצוה, און דו ווילסט דערמיט באקומען נאנטקייט און שייכות צום אויבערשטן - איז פארקערט! דער אויבערשטער וויל דיר העלפן און געבן נאכמער קשר צו אים! ווייל אויב וועט דער אויבערשטער זאגן: "דו דארפסט כמעט גארנישט טון פאר מיר! איך וועל שוין אלעס אליינס טון! איך וועל דיר שוין ארויסטרייבן פון בעט אינדערפרי צום לערנען - אן קיין שום אנשטרענגונג!" - וועט עס דיר ווי טון! דו וועסט שפירן אז מען נעמט דיר אלעס צו, און עס איז דיר כמעט נישט איבערגעבליבן קיין פעולה וויאזוי זיך מקשר צו זיין צום אויבערשטן. דערפאר לאזט מען דיר איבער די זכיה, צו ארבעטן שווער פארן אויבערשטן.

דעם געדאנק נעמט דער 'קדושת לוי' ארויס פון אונזער פרשה: פון רש"י און רמב"ן קומט אויס, אז ווי נאר רבקה איז אנגעקומען צום ברונעם, איז דאס וואסער ארויפגעקומען צו איר. אבער שפעטער, ווען זי האט געוואלט אנשעפן וואסער פאר די קעמלען, איז שוין דאס וואסער נישט ארויפגעקומען, און זי האט זיך געמוזט אנשטרענגען און אנשעפן פונעם ברונעם. און דאס רופט ארויס גרויס וואונדער: פארוואס ווען זי האט געוואלט אנשעפן פאר איר אייגענעם געברויך, האט דאס וואסער געהאט דרך ארץ פאר איר, און שפעטער ווען זי האט געוואלט טון א חסד און אנשעפן פאר יענעם, האט שוין דאס וואסער נישט געהאט קיין דרך ארץ?

"פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁרָאֲתָה שֶׁעָלוּ הַמַּיִם לִקְרָאתָהּ, וּפֵרֵשׁ הָרַמְבַּ"ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דְּדַיֵּק כֵּן מֵחֲמַת דְּאַחַר כָּךְ כְּתִיב 'וַתִּשְׁאַב לְכָל הַגְּמַלִּים', וּמִקֹּדֶם לֹא נֶאֱמַר לְשׁוֹן שְׁאִיבָה, מִכְּלָל דְּמִקּוֹדֶם לֹא הֻצְרְכָה לִשְׁאֹב, דְּעָלוּ הַמַּיִם לִקְרָאתָהּ. אֶפֶס דִּלְפִי דְּבָרָיו תִּקְשֵׁי הִיא גּוּפָא, לָמָּה אַחֲרֵי כֵן בְּהַשְׁקוֹתָהּ אֶת הַגְּמַלִּים לֹא עָלוּ הַמַּיִם לִקְרָאתָהּ".

ענטפערט דער 'קדושת לוי': ביים ערשטן מאל וואס זי האט אנגעשעפט, האט זי געמיינט 'זיך', דעריבער האט דער אויבערשטער - וועלכער איז 'דרכו להטיב' - איר

> **וויאזוי קען זיין, אז ממש די זעלבע זאך, אויב טוט מען דאס פאר די אייגענע געברויכן - איז עס זייער לייכט צו טון, און אויב טוט מען עס פארן אויבערשטן - ווערט עס אזוי אנגעשטרענגט?**

געהאלפן און ארויפגעברענגט די וואסער צו איר, כדי אז אזא צדיקת זאל נישט דארפן ארבעטן שווער. אבער ווי נאר זי האט זיך געגרייט צו טון א מצוה און נאכאמאל אנשעפן, איז איר געווען די גרעסטע 'טובה' - נישט ארויפצוברענגען די וואסער! פארקערט, עס וואלט געווען די גרעסטע באליידיגונג פאר איר, אויב דאס וואסער וואלט דעמאלט ארויפגעקומען, כאילו מען זאגט איר פון הימל: "מען וויל דיר נישט געבן די זכיה צו ארבעטן און שוויצן פארן אויבערשטן!". רבקה האט דוקא געוואלט אליינס זיך איינבייגן און אנשעפן וואסער פון דער טיפעניש - באקומענדיג דערביי נאך א גרעסערן שייכות מיטן אויבערשטן.

"וְנִרְאֶה בְּסִיַּעְתָּא דִּשְׁמַיָּא דְּאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה ד'מִצְוֹת צְרִיכִין כַּוָּנָה', וְהָעִקָּר בְּמִצְוֹת הוּא הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁעוֹשֶׂה בָּזֶה רְצוֹן הַבּוֹרֵא. וּלְהָכֵי בְּפַעַם רִאשׁוֹנָה דְּבְדַעְתָּהּ הָיָה לִשְׁאֹב הַמַּיִם לְצָרְכָּהּ, גַּלַּל כֵּן עָלוּ הַמַּיִם לִקְרָאתָהּ שֶׁלֹּא תַּטְרִיחַ עַצְמָהּ, כֵּיוָן שֶׁכַּוָּנָתָהּ הָיָה לִשְׁאֹב לְצָרְכָּהּ. מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּפַעַם שְׁנִיָּה, שֶׁכַּוָּנָתָהּ הָיָה לִגְמֹל חֶסֶד לְהַשְׁקוֹת הַגְּמַלִּים שֶׁל אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, לֹא עָלוּ הַמַּיִם לִקְרָאתָהּ, שֶׁכְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה יוֹתֵר נֶחְשָׁב לַעֲשׂוֹת פְּעֻלָּה, שֶׁבַּעֲשׂוֹתוֹ פְּעֻלָּה לְשֵׁם מִצְוָה נֶחְשָׁב לוֹ יוֹתֵר לְמִצְוָה, וְהָבֵן".

המשך אין עמוד ב

# וואס טראכט מען אין מקוה?

**וואס א מחשבה דארף מען אינזין האבן יעדעס מאל מ'גייט אין מקוה? • טראכטן 'על דעת הצדיקים' איז גענוג, און אויב יא, ווען? • און מיט וואס איז די מקוה ערב שבת אנדערש? און שבת צופרי?**

**משפיע:** אה, אברהם יצחק, ברוך ה' מ'זעט זיך.

**אברהם יצחק:** געלויבט השי"ת. מ'גייט ווייטער רעדן פון מקוה פון שבת? לעצטע וואך האבן מיר אנגעהויבן רעדן בעיקר די כלליות'דיגע ענין פון מקוה.

**משפיע:** און? וויאזוי איז געווען די מקוה לעצטע וואך?

**אברהם יצחק:** עמ... דער אמת איז אז א מקוה מאכט מען היבש שנעל, ס'איז נישטא קיין צייט צו טראכטן...

**משפיע:** ביסט גערעכט, אונזערע רבי'ס האבן טאקע אנגעזאגט זיך נישט צו ווייקן אין מקוה, מ'דארף עס מאכן בזריזות. און דאס אליינס ברענגט א טהרה!

**אברהם יצחק:** איז ווען יאגט מען אן צו טראכטן פון וואס מיר האבן גערעדט לעצטע וואך?

**משפיע:** ערשטנס, אויפן וועג צום מקוה האסטו גענוג צייט צו טראכטן: וואס וויל איך יעצט טון, פארוואס גיי איך עס יעצט טון, וואס וויל איך אז די מקוה זאל משפיע זיין אויף מיר, אא"וו. אבער אפילו אן דעם, איז אין מקוה אליין דא גענוג צייט פאר אביסל התבוננות! 'זריזות' מיינט נישט אז מ'איז צעיושעט און פאריאגט... ס'מיינט אז מ'דארף טון די 'טעכנישע' פעולות אן קיין איבריגע שלעפערייען, אבער אוודאי דארף מען האבן דעם קאפ אויפן פלאץ! מ'דארף אריינטראכטן אין וואס מ'טוט, ווען מ'גייט אריין אין מקוה און מ'טובל'ט זיך, דארף מען טראכטן אויף טהרה, אויף תשובה און אפלאזן די דיעות און מידות רעות, ווי אויך מחשבות פון תשוקה און רצון זיך צו דערהייבן און ווערן נאנט צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** אבער מ'זאגט דאך נאך פון צדיקים, אז א בחור'ס עיקר כוונה אין מקוה דארף זיין 'אריין און ארויס'?

**משפיע:** הער, ס'איז נישטא אזא זאך ווי טון זאכן אן טראכטן וואס מ'טוט. יעדע פעולה מוז קומען מיט מחשבה; וואס טוה איך דא, וואס וויל איך דערמיט און וואס איז דער תכלית פון די פעולה. ערגעצוואו מוז מען אריינשטופן מחשבה!

**אברהם יצחק:** מ'קען עס טון 'על דעת'. על דעת כל הצדיקים, על דעת אנשי כנסת הגדולה, 'בשם כל ישראל'...

**משפיע:** אין הכי נמי, אויך דאס איז 'מחשבה'. יעדנספאל מוז מען אריינלייגן עפעס מחשבה! איך וויל זאלסט עס גוט דערהערן, ווען מ'זאגט אן א בחור צו טון בזריזות, מיינט עס אונטעריאגן די פעולה און עס אויספירן שנעלערהייט, אבער מ'מיינט נישט די מחשבה! די קאפ מוז בלייבן אויפן פלאץ, די מחשבות מוזן זיין אריינגעטון אין וואס מ'טוט! ווייל דער עיקר מענטש איז זיין מחשבה, און ווען ס'איז נישטא קיין מחשבה איז נישטא קיין מענטש. איבערהויפט אין מקוה, וואס מיר האבן נאכגעזאגט פון רמב"ם ווי ווייט די טהרה פון מקוה איז תלוי אינעם מענטשנ'ס כוונה זיך צו מטהר זיין.

## נאכן מקוה בין איך נישט דער זעלבער מענטש

**אברהם יצחק:** איז למעשה, וואס פונקטליך דארף מען טראכטן אין מקוה?

**משפיע:** לאמיר איבערגיין די ווערטער פון רמב"ם וואס מיר האבן דערמאנט לעצטע וואך. ער זאגט אז א מקוה איז נאר מטהר ווען מ'האט אינזין אז ס'זאל מטהר זיין, קומט אויס אז מ'דארף די ערשטע זאך פשוט מכוון זיין צו ווערן טהור. דאס מיינט קודם טראכטן פון וועלכע זאכן מיר ווילן זיך מטהר זיין. און פארשטייט זיך אז מ'דארף **גלייבן** אז די מקוה האט א כח מיר צו מטהר זיין פון די זאכן. דערנאך טובל'ט מען זיך **לשם טהרה**, און מ'דארף כאפן אז אין די מינוט וואס מיר גייען אריין אין וואסער, ווערן מיר ריין און איבערגעדרייט אויף א בריה חדשה. מ'ווערט א ליכטיגער איד וואס האט שייכות צום אויבערשטן און די תורה - דאס איז די גאנצע וואס מ'דארף אינזין האבן. פארשטייט זיך אז די טבילה אליינס דארף נישט נעמען לענגער פון איינציגע סעקונדעס, אבער די מחשבות מוזן אונז באגלייטן אויפן וועג און אין מקוה.

**אברהם יצחק:** קומט אויס לויט דעם אז די מקוה קען נאר העלפן ווען מען אנערקענט אז מ'איז א 'בעל חסרון' און אז מ'האט א געוויסע שווערייקייט פון וואס מ'וויל פטור ווערן, און אויף דעם קומט די מקוה און שלעפט אים ארויס דערפון?

**משפיע:** יא, אבער מ'דארף נעמען אין חשבון אז נישט אלעמאל ארבעט די קאפ אזויווי מ'וויל. מ'קען נישט אנקומען יעדן טאג אין מקוה מיט אזא ישוב הדעת און טראכטן פון וואס כ'וויל זיך מטהר זיין און וואספארא טהרה איך וויל. אין אזא פאל איז דא א מושג פון א 'כוונה כללית', וואס מיינט 'על דעת' וואס דו האסט דערמאנט. צומאל דארף מען זיך טובל'ען מיט א כללית'דיגע מחשבה אז מ'דארף עפעס א ישועה אדער א תוספת טהרה, און מ'האפט אז די מקוה וועט מיר שענקען די ריכטיגע טהרה און שטעלן אין דעם ריכטיגן מצב. דעמאלטס קומט די 'על דעת הצדיקים' שטארק צונוץ, מ'פארלאזט זיך אויף די כוונה פון די צדיקים אז ס'וועט אראפנעמען די טומאה פון מיר און מיר אריינברענגען א קדושה. אבער בכל אופן, די צוגאנג און געפיל צום מקוה דארף זיין אז איך ווער דא א 'בריה חדשה', כ'בין נישט דער זעלבער מענטש נאכן מקוה ווי פאר דעם.

> ככל אופן, די צוגאנג און געפיל צום מקוה דארף זיין אז איך ווער דא א 'בריה חדשה', כ'בין נישט דער זעלבער מענטש נאכן מקוה ווי פאר דעם

## מדריגות אין טהרה

**אברהם יצחק:** זייער קלאר. יעצט צו אונזער ענין, שבת קודש! מיר ווילן דאך רעדן איבער די מקוה פון שבת...

**משפיע:** כ'האב הנאה אז דו האלטסט קאפ. אבער פאר מיר גייען אריין אין 'שבת', דארפן מיר ארויסהאבן נאך א וויכטיגע יסוד אין מקוה. ביז יעצט האבן מיר בלויז גערעדט פון 'אראפנעמען טומאה' פון זיך, און מיר האבן זיך געשטעלט אויפן רמב"ם וואס רעדט דערוועגן. אבער יעצט פאר מיר נעמען זיך צו די שבת'דיגע מקוה, דארפן מיר פארשטיין א יסוד, אז א מקוה איז נישט נאר בכח אראפצונעמען טומאה, נאר ס'איז אויך 'מוסיף טהרה'. דאס מיינט, אפילו א מענטש האט נישט קיין טומאה, קען ער נאך גיין אין מקוה כדי זיך צו נאר מער מטהר זיין, און מוסיף זיין 'קדושה על קדושה'.

**אברהם יצחק:** 'תוספת טהרה'? וויאזוי קען מען מוסיף זיין טהרה אויב מ'איז שוין טהור?

**משפיע:** קודם כל, פארשטייסט אליינס אז ס'איז דא אסאך דרגות אין ווערן טהור פון טומאה. ווען מ'רעדט פון 'טומאת הנפש' וואס ווערט דורך אלע מיני מידות און דיעות רעות, ווערט די טהרה דערפון ערשטנס דורכ'ן זיך דערווייטערן פון די אלע זאכן, וואס דאס אליינס

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

### א טיפערע נאנטקייט

די נאטורליכע מחשבה וואס קומט ארויף ביי אזא איינעם וועלכער האט אנגעהויבן לערנען א שיעור תורה אינדערפרי, און פונקט דעמאלט הייבן זיך אן אלערליי סארט שוועריקייטן אויפצושטיין פארטאגס - וואס ער האט קיינמאל פריער נישט געליטן דערויף: "דער אויבערשטער איז מיר 'מרחק'! ער איז נישט אינטערעסירט אין מיין תורה! ער וואונקט מיר ברמז, אז עס וועט אים נישט אהרען טאמער איך וועל בלייבן שלאפן...". דאס איז די מחשבה פון א מענטש איידער ער האט בכלל אנגערירט א חסיד'יש ספר.

אבער אפילו נאכדעם וואס א מענטש האט שוין יא געלערנט אביסל חסיד'ישע ספרים, און ער ווייסט שוין אז מען טאר נישט טראכטן אזעלכע מחשבות, און ער איז זיכער אז דער אויבערשטער וויל יא זיין תורה און עבודה - קען ער נאכאלץ טראכטן, אז די אלע שוועריקייטן זענען 'נסיונות'! "דער אויבערשטער וויל מיר אויספרובירן און זען, צי מיין חשק צום לערנען קומט פון אן אמת'ע פלאץ, אדער עס קומט נאר פון א רצון צו הצלחות!".

אבער נאכן לערנען אזא שטיקל קדושת לוי, טוישט זיך דער גאנצער קאפ אויף פונקט פארקערט! נישט "דער אויבערשטער וויל זען", נאר "דער אויבערשטער האט שוין געזען!". דאס הייסט, דער אויבערשטער האט געזען אז מיין החלטה צו לערנען פארטאגס - שטאמט נישט פון זוכן 'יוצא צו זיין', איך זוך נישט צו מאכן א 'טשעק' - אז דאס איז שוין אויך ערלעדיגט... נאר עס שטאמט פון א טיפע געפיל וועלכע זוכט קשר צום בורא כל עולמים! און דעריבער גיבט ער מיר איבער דעם גאנצן פעקל! ער לאזט איבער פאר מיר די זכיה צו טון פאר דעם וואס מער, כדי דער קשר זאל זיין וואס מער. כדי די נאנטקייט צום אויבערשטן זאל דורכנעמען אלע מיינע כוחות הגוף והנפש!

געשעט מכח די מקוה. אבער זיך דערווייטערן פון טומאה האט אסאך דרגות, ס'איז דא א דרגה פון זיך דערווייטערן וויינינגסטנס אין חלק **המעשה**, דאס הייסט, מ'נעמט זיך אונטער מער נישט צו טון די זאכן. אבער ס'איז נאך א דרגה ווען דער מענטש איז שוין אזוי ווייט פון טומאה, אז **ער רעדט** שוין נישט פון דעם. און העכער דעם איז דא א דרגה ווען דער מענטש **טראכט** ניטאמאל דערפון, און דערנאך נאך א דרגה אז דער מענטש **וויל** עס אפילו נישט, און נאך העכער אז ער **עקלט** זיך שוין דערפון, ער האט פיינט די אלע טומאות. דאס זענען אלע דרגות אין 'עזיבת הטומאה', און דעריבער פארשטייט מען פארוואס מ'דארף כסדר מוסיף זיין קדושה צו זיך, וויבאלד ס'איז דא אן א שיעור דרגות אין זיך דערווייטערן פון טומאה.

אבער אין אמת'ן אריין, דער ענין פון 'תוספת טהרה' האט נאך אן עומק, וויבאלד ס'איז דא אסאך דרגות אין 'טהרה' זעלבסט. דאס הייסט, זיך נאך מער דערנענטערן צו קדושה, אפילו ווען דער מענטש שטייט שוין ווייט פון טומאה.

**אברהם יצחק:** וואס הייסט?

**משפיע:** 'טהרה' מיינט נישט נאר 'אראפנעמען טומאה', ס'מיינט בעיקר ווערן וואס נענטער צו קדושה און דביקות. טהרה איז א געוויסע זיכוך הנפש און דביקות אין אויבערשטן. און ווען מ'רעדט פון התקרבות און דביקות בה', פארשטייסטו אליינס אז ס'איז נישטא קיין שיעור ווי הויעך מ'קען אנקומען! מ'קען זיך אביסל דערנענטערן צום אויבערשטן, מ'קען זיך אביסל מער דערנענטערן צום אויבערשטן, און אזוי ווייטער אן קיין שיעור. ווייל קירבת ה' דריקט זיך אויס אין מחשבה, דיבור און מעשה, און ווען דער נפש איז זיך מתדבק אין מעשה און דיבור צום אויבערשטן - ווערט מען געוויס נאנט צום אויבערשטן, אבער ווען מ'איז אויך מטהר די מחשבה צום אויבערשטן, איז מען מוסיף נאך מער טהרה צו זיך.

די זעלבע איז ווען די גאנצע רצון און תשוקה איז צום אויבערשטן, לייגט מען צו א מדריגה פון טהרה. און ווען מ'איז זוכה זיך צו רייניגן פון אלע מיני אייגענע ישות'דיגע געפילן וואס גייט אריין אין די אומצאליגע דרגות פון 'לשמה', איז אפגערעדט אז מ'איז ממשיך אסאך א גרעסערע מדריגה פון טהרה אויף זיך. דאס איז אלץ דרגות נאך דרגות אין טהרה.

**אברהם יצחק:** א מקוה העלפט אויף די אלע זאכן? ווען מ'וויל ארויפגיין א דרגה, דארף מען כאפן א מקוה?

**משפיע:** אוודאי. א מקוה איז די פלאץ וואו מ'איז קונה יעדע נייע מדריגה פון קדושה. די בעסטע דוגמא דערצו איז, די טבילות וואס דער כהן גדול האט זיך געדארפט טובל'ען יום כיפור, כאטש ס'איז נישט געווען דארט קיין שום הוה אמינא פון טומאה. דער כהן גדול אין די הייליגסטע טאג איז געווען קדוש וטהור בתכלית הזיכוך אסאך פאר יום הקדוש. ווער רעדט נאך ווען מ'איז אריין אינעם הייליגסטן טאג, דערנאך די ערשטע עבודת היום וואס איז שוין געווען נאך די ערשטע טבילה און קידוש ידיים ורגליים. און פונדעסטוועגן, ווען ער האט געדארפט גיין צו א נייע עבודה האט ער נאכאמאל געדארפט גיין אין מקוה, דערביי האט ער באקומען א תוספת טהרה כדי צו קענען אנטון די בגדי לבן, און אזוי ווייטער יעדעס מאל פאר ער האט צוגעטראטן צו א פרישע מדריגה. פון דא זעט מען אז א מקוה איז נישט נאר בכח צו מטהר זיין פון טומאה, נאר ס'איז אויך מוסיף אלץ מער טהרה, ס'גרייט אן דעם נפש צו זיין א כלי ראוי צו מקבל זיין א פרישע מדריגה אין קדושה.

**אברהם יצחק:** פשי... כ'האב יעצט א שטיקל מושג אין די מקוה פון שבת. פאר מיר ווילן אריינגיין אין קדושת השבת, דארפן מיר גיין אין מקוה כדי צו קענען מקבל זיין די נייע קדושה.

**משפיע:** זייער ריכטיג. אייגנטליך שרייבט דער אריז"ל בפירוש, אז דערפאר גייט מען אין מקוה סיי ערב שבת און אויך שבת צופרי - כאטש מ'האט זיך שוין גע'טובל'ט און דערביי מקבל געווען קדושת כניסת השבת. אבער היות די קדושה פון שבת צופרי שטייט העכער די קדושה פון ליל שבת, דארף מען האבן א ספעציעלע מקוה כדי צו מקבל זיין די קדושה!

צדיקים האבן טאקע מורא'דיג מפליג געווען אין די חשיבות פון די טבילה פון שבת צופרי. אין ספר 'בית אהרן' ווערט געברענגט בשם צדיקים, אז פארן מקוה ערב שבת איז כדאי צו גיין א גאנצע 'מיל' צופיס, אבער פאר די מקוה פון שבת צופרי וואלט געלוינט צו גיין גאנצע דריי 'מיל', ווען נישט דיני תחומין! מ'זעט דערפון ווי וויכטיג די מקוה איז, און אויך וויפיל ס'איז חשוב'ער פון די ערב שבת'דיגע מקוה, ווייל ווי געזאגט, דורך די מקוה ווערט נמשך א גרעסערע קדושה.

**אברהם יצחק:** נאכאמאל, שבת בייטאג האט א גרעסערע קדושה ווי שבת ביינאכט?

**משפיע:** זיכער, מיר האבן שוין אמאל גערעדט אז שבת צופרי שיינט אסאך א גרעסערע אור ווי שבת ביינאכט, ס'איז א נייע מדריגה אויף אזוי ווייט, אז ס'פאדערט א פרישע טבילה אין מקוה. ווייל ווי געזאגט, ווען א נפש וויל באקומען א תוספת קדושה, דארף מען צוקומען צו א מקוה. און די זעלבע איז לגבי 'זמנים', יעדע זמן וואס איז גרעסער ווי די פריערדיגע, דארף צוקומען צו א מקוה כדי צו מקבל זיין די גרעסערע קדושה.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. וואס פונקטליך דארף מען טראכטן ביי די מקוה פון ערב שבת? פון איין זייט דארף מען אינזין האבן צו מקבל זיין קדושת השבת, אבער פון די צווייטע זייט דארף מען אויך מכוון זיין אראפצונעמען די טומאה פון די ימות החול. נו, ס'איז צוויי אנדערע מחשבות?

**משפיע:** אה, 'ברוך שכוונת'! טאקע דערפאר שרייבט דער אריז"ל, אז ערב שבת דארף מען מאכן כאטש צוויי טבילות, אזויווי זיין לשון: איינס אויסצוטון די בגדי חול, און איינס צו ממשיך זיין תוספת קדושה פון שבת. אבער אויף שבת צופרי שרייבט דער אריז"ל אז איין טבילה איז גענוג, וויבאלד דעמאלטס איז נאר דא די מחשבה פון תוספת קדושה.

**אברהם יצחק:** ממש געוואלדיג! ס'איז ארויס קלאר, ב"ה.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**איך צו באהעפטן צוויי שטיקלעך העלצער איינס צו אנדערן, דארף מען קודם אפשניידן די סענקעס (שפיצן), נאר אזוי קענען זיי ווערן איינס, אזוי איז אויך ביי אהבת חברים.**

הרה"ק ר' דוד לעלוב'ער זי"ע; וואס האט דאס געהערט פון אליהו הנביא ווען ער האט געבלאנדשעט אין וואלד אויפן וועג קיין ליזענסק



# א אייגענע תפילה

דער גערויש פון די שווערע שטאלענע גראב-געצייג וואס קלאפן זיך אינעם זאטל, שטעלן זיך צו צו די הילכיגע ווילדע פערדישע פיסטריט, וואס דאס אלעס געבט נאך מער צו צו דעם בלוט פארפרוירנדער שרעק פונעם רייטער, אלעקסאנדער.

ער רייט אלס טיפער אריין אינעם פינסטערן וואלד, קוים וואס ער קען זען זיין קומענדיגע טריט, און פארשטייט זיך, מיטן גרעסטן פרואוו נישט צו ווערן אנטדעקט.

וואס מער זיין פערד זעצט פאר צווישן די הויכעביימער, אלץ מער שטארקט זיך די טרייסל אין אלעקסאנדער'ס ביינער. ער געבט א צי דעם פערד, כדי צו עטוואס פארשטאטערן זיין געלויף, און ער פרובירט נישט צו נעמען קיין איבריגע אטעם.

און דאן איז עס געשען.

אלעקסאנדער הערט א גערויש צווישן די ביימער. ער ווערט פארגליווערט אויפן פלאץ. ער הייבט זיך שוין אן פארצושטעלן ווי ער ווערט אריינגעשליידערט אין א מיליטערישע פאליציי וואגן און ווערט אפגעפירט קיין סיביר, וואו ער וועט באזארגט ווערן אויף פינף-און-צוואנציג פיינפולע יאר מיט ביטערע צוואנגס-ארבעט אין די סיבירישע פרעסט.

אלעקסאנדער און מישע זענען געווען אמת'ע פריינט פון קינדערהייט אן. שטענדיג האבן זיי ארומגעווילדעוועט צוזאמען, און זענען אויך פארכאפט געווארן אינאיינעם אין יענער ביטערער טאג, ווען די הארצלאזע כאפערס האבן ארויפגעלייגט זייערע לאפעס אויף זיי.

אלס קאנטאניסטן, האבן זיי דורכגעשוויצט די זעלבע בלוט דורכגעווייקטע וועג, ווען זיי האבן זיך געטראפן אין די זעלבע בריגאדע אינעם צאר'ס ארמיי. אלעקסאנדער און מישע האבן טיילנדיג זיך דעם זעלבן ביטערן גורל, נאכמער פארבונדן אן אייביגער קשר פון ליבשאפט און געטריישאפט צווישן זיך.

און טאקע דערפאר, דער טאג ווען א פיינטליכער קויל האט איבערגעריסן מישע'ס לעבן, איז געווען דער טונקלסטער טאג אין אלעקסאנדער'ס מיטגעמאכטע לעבן.

אבער וואס עס האט אים נאך מער געווייטאגט, איז געווען דער פאקט אז מישע האט ניטאמאל זוכה געווען צו קבר ישראל. מישע איז געווארן באערדיגט אין א מיליטערישע בית הקברות, צווישן אנדערע גוי'אישע סאלדאטן.

אלעקסאנדער האט נישט געקענט משלים זיין דערמיט. ער איז טאקע געווען א קאנטאניסט, אזוי אז סיי וועלכע באגריף און ידיעה אין אידישקייט איז ביייזווילליג אוועקגעריסן געווארן פון אים, אבער זיי האבן קיינמאל נישט מצליח געווען אויסצורייסן זיין אידישע נשמה וואס האט געברענט אין אים, און דערפאר האט ער באשלאסן אונטערצונעמען דעם געפאר, און אריבערפירן מישע צו א אידישע קבורה.

אלעקסאנדער נעמט א שאוול אין אנדערע געצייג, און לאזט זיך ארויס אינמיטן א שטאק-פינסטערע נאכט צו אריבערפירן מישע'ן צו קבר ישראל.

וואס מער אלעקסאנדער האט גערייזט טיפער אין וואלד, אלץ מער האט זיך זיין שרעק געשטארקט. און ווען ער איז דערגאנגען אז ער האט זיך פארבלאנזשעט אינמיטן וואלד און ער טרעפט נישט די וועג ארויס, האט ער געמיינט אז די וועלט איז איינגעפאלן אויף אים.

זיין לויטערע נשמה, פארשלייערט אין א קאנטאניסט, הייבט ווי פון זיך אליינס אן צו שעפשען פסוקי קריאת שמע וואס ער געדענקט נאך. ער פארשטייט נישט וואס ער זאגט, אבער ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "ונתתי עשב בשדך לבהמתך", האט ער אויסגעפלאצט אין א שטורעמישע געוויין.

ער נעמט זיך בעטן מיט הייסע טרערן: "טאטע אין הימל, איך געפין זיך יעצט אין 'בשדך' און כ'ווייס נישט די וועג ארויס. כ'בעט דיר, שיק מיר דעם 'עשו', שיק מיר א גוי, אן אייניקל פון עשו, וואס זאל מיר ווייזן וויאזוי ארויסצוגיין פון דא, און זיי מקיים דאס וואס שטייט "עשב בשדך".

אזוי האט דער קאנטאניסט געדאווענט מיט א תמימות, געבנדיג זיין אייגענע טייטשט אויף דאסווארט 'עשב'.

השי"ת, דער שומע תפילת כל פה, איבערהויפט אזא תמימות'דיגע תפילה, האט אים גלייך געהאלפן. אויפאמאל האט זיך באוויזן א גוי אינמיטן די פינסטערניש. דער גוי כאפט אן די שטריק פון פערד און פירט עס ביז אינדרויסן פון וואלד, און דעמאלטס איז דער עשו פארשוואונדן ווי א גראז.

**מקור: הגה"צ ר' אליעזר דוד פריעדמאן זצ"ל בשם ספר 'אבן שמעון'.**

# בעטן אויף יעדע קלײניגקייט (ב)

## מ'דארף אלעס בעטן פון אויבערשטן, אבער ווען דארף מען האבן הכנעה און זאגן 'אלעס וואס השי"ת טוט איז גוט'?

## שאלה:

כ'האב אסאך געהערט און געלערנט אז א מענטש דארף בעטן אפילו די קלענסטע זאך פון אויבערשטן, מיט פשוט'ע ווערטער אזויווי א קינד בעט זיין מאמע'ן. אבער כ'שפיר אז ס'איז אביסל מאדנע צו בעטן מיינע אלע שטותים פארן אויבערשטן, איבערהויפט אז ס'איז אין קעגנזאץ רוממות און יראה וויאזוי מ'דארף זיך שטעלן פארן אין סוף ב"ה.

אויסער דעם, בין איך אינגאנצן צומישט אין דעם נושא, ווייל צומאל זאגט מען אז מ'דארף זיך מכניע זיין פארן רצון ה' און אננעמען זיין הנהגה, אפגעזען אויב ס'זעט אויס גוט אדער פארקערט. און צומאל זאגט מען אז מ'דארף בעטן אונזערע אלע רצונות ביי אים. וואס איז דער אמת'ער וועג: זיך מכניע זיין אדער מתפלל זיין?

## תשובה:

**לאמיר צוערשט מאכן א קורצע סך הכל פון וואס מיר האבן גערעדט לעצטע וואך.**

**מיר האבן אביסל מאריך געווען**, אז בעטן יעדע קליינע זאך נישט קיין ענין, נאר ס'איז די פשטות פון מצות תפילה, און אז אין א געוויסע זין שטייט עס נאך העכער ווי די 'בקשת צרכים' וואס מיר זאגן ביי שמונה עשרה, וויבאלד ביי די אייגענע תפלות שפירט מען זיך מער א 'בעל חסרון' און מ'באלעבט מער די אמונה אין השי"ת.

מיר האבן אויסגעשמועסט, אז די מעלה פון בקשה אויף יעדע זאך איז, אז מיט דעם נעמען מיר אונזער אמונה אין השי"ת פון צו זיין בלויז א 'געדאנק', און מיר מאכן עס א 'מציאות' ביי זיך! מ'ברענגט אריין די אמונה אין זיך אז אלע כוחות הטבע און השתדלות'ן קענען גארנישט אויפטון אן סייעתא דשמיא.

דערצו טוט עס מורא'דיג פארשטארקן דעם מענטשנ'ס בטחון, וויבאלד מ'טראכט נישט נאר 'אין קאפ' אז השי"ת וועט העלפן, נאר מ'לייגט עס אריין אין 'למעשה', מ'דריקט אויס אין זיך אז דער אויבערשטער פירט אונז און העלפט אונז.

אויסער דעם שאפט עס א שטארקע אהבה צווישן אונז מיטן אויבערשטן, וויבאלד דערביי שפירט מען זיך ווי א קינד וואס בעט אלעס פון זיין טאטע.

און דאס אלעס איז חוץ די מורא'דיגע גילוי אלקות וואס ס'שאפט אויף די וועלט, וויבאלד מיטן אריינברענגען דעם אויבערשטן אין יעדע קלענסטע זאך רופט מען אויס ס'איז נישטא גארנישט אויסער יחודו ית'.

**לגבי די עצם שאלה**, אז ס'פאסט נישט צו בעטן יעדע קלענסטע זאך פון אזא גרויסער באשעפער, האבן מיר ערקלערט אז אונטער אזא מהלך המחשבה באהאלט זיך א זייער נישט גוטע נפש הבהמית'דיגע געפיל וואס איז נישט אינטערעסירט אנצואווענדן יעדע מינדעסטע זאך אין רחמי שמים, נאר וויל זיך ענדערש 'מסדר זיין' אן אים...

מיר האבן ארויסגעברענגט אז אייגנטליך דאס איז די קללה און עונש פונעם נחש, אז זיין עסן איז אלעמאל גרייט פאר אים וויבאלד השי"ת איז נישט אינטערעסירט עס זאל זיין א קשר צווישן זיי. דאקעגן אונז אידן, די גאנצע סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט 'נארישע געברויכן' וואס מיר דארפן, איז נאר כדי מיר זאלן זיך מקשר זיין מיט אים אין יעדער איינצלהייט אין אונזער לעבן.

**אין צוגאב** האבן מיר אויסגעשמועסט די שאלה וויאזוי שטימט עס מיט די יראה און רוממות וואס מ'דארף האבן ביים זיך שטעלן פארן אויבערשטן, און מיר האבן אויסגעקלארט אז מצד די מצוה פון 'יראה' דארפן מיר זיך שטעלן מיט א יראת הרוממות פארן פארכטיגן באשעפער, אבער מצד די מצוה פון 'אהבה' דארפן מיר שפירן 'חבוקה ודבוקה בך' מיט א קירבה און אהבה פון טאטע צו קינד. דעריבער, כאטש מצד יראה פאדערט זיך 'ריחוק', אבער מצד אהבה פאדערט זיך 'קירוב', אזויווי ס'שפירט זיך ווען א מענטש בעט זיינע צרכים 'כגמול עלי אמו' מיט די העכסטע אהבה און קירבה.

## אצינד לאמיר צולייגן עטליכע וויכטיגע נקודות אויפן דאווענען

**דא דארף מען ארויסברענגען**, אז יעדע תפילה וואס ס'זאל זיין - ווערט אנגעקומען. השי"ת איז 'פנה אל תפילת הערער', וואס מיינט, אפילו א 'צווייפלהאפטיגע' תפילה, א תפילה מעוררת. דעריבער זאל מען זיך נישט צוריקהאלטן פון פשוט'ע תפילות, אפילו ווען דאס הארץ איז נישט דערביי, וויבאלד השי"ת איז משתוקק און מתאווה 'לתפילתם של ישראל', זאל זיין וואס זאל זיין.

אבער זעלבסט-פארשטענדליך, אז א 'תפילה ראויה' אין די ריכטיגע צייט און פלאץ איז מער געראטן, למשל אין אן עת רצון און נאכן געבן צדקה, ווי אויך אין א מקום קדוש אזויווי אין בית מדרש און מיט א קבלה טובה - וויבאלד די אלע זאכן טוען אוודאי צולייגן צום שלימות פון דאווענען, און די תפילה טוט אוודאי פיל מער פועל'ן און מרצה זיין ביים אויבערשטן. **ומבשרי אחזה אלוק**, ווען א מענטש גייט צו א גביר צו בעטן א נתינה נאכדעם וואס ער טוט אלע פעולות אים צו באפרידיגן, וועט ער אוודאי מער פועל'ן ביים גביר. **אזוי אויך ביים נמשל** אויף אן אומפארגלייכבארע פארנעם, ווען א מענטש איז מרצה דעם בורא מיט א תשוקה און אויסגעקוקטע קשר, צו מעורר זיין די ענדלאזע אהבה, וועט ער פיל שנעלער און שטערקער אויס'פועל'ן זיין ישועה.

**און מ'דארף צולייגן א נקודה אויף למעשה:** ס'שטייט אין זוהר הקדוש אז מ'זאל זיך נישט באגנוגענען מיט א 'תפילה כללית', נאר דווקא מיט פרטי פרטים אויסבעטן אלע צרכים. למשל אויב דארפסטו פרנסה, זאלסטו נישט נאר בעטן 'פרנסה בהרחבה' אויף א כללית'דיגע אופן, נאר אריינגיין אין יעדן פרט, וויפיל דו דארפסט און ווען דו דארפסט און אויף וואס דו דארפסט, און אזוי ווייטער. **די פשטות'דיגע תועלת דערפון איז**, אז די אמונה ווערט לעבעדיג און טאפעדיג, ווען דו כאפסט און באלעבסט אז דער אויבערשטער העלפט און פירט דיין לעבן ביזן לעצטן דעטאל. און אויסער דעם איז דא א תועלת פנימית, וויבאלד די אותיות התפילה ווערן 'כלים' פארן שפע, און וואס מער אותיות ס'איז דא - אלץ מער זענען דא כלים פארן שפע.

## זיך איינ'עקשנ'ען מיט א הכנעה

**אויף דיין לעצטע פראגע, ווען זאל זיך א מענטש איינ'עקשנ'ען ביים דאווענען, און ווען זיך אונטערגעבן?**

די תשובה דערויף איז, צומאל קען זיך א מענטשנ'ס ישועה פארזוימען וויבאלד דער אויבערשטער איז זיך מתאווה צו זיין תפילה און דביקות אין אים, און צומאל פארזוימט זיך עס וויבאלד ס'איז באמת נישט גוט פאר אים. און דערפאר דארף מען זיך צומאל איינ'עקש'ענען ביים דאווענען, און זיך צומאל אונטערבייגן.

מ'דארף אנמערקן אז דער בעל שם טוב הק' שרייבט אז דער כח התפילה איז אזוי גרויס, אז ווען א מענטש טוט זיך איינשפארן און איז מתפלל אפילו אויף עפעס וואס איז נישט גוט פאר אים, וועט ער עס ענדגילטיג אויס'פועל'ן ביים אויבערשטן! אבער למעשה, שפעטער אן ווען ס'קלארט זיך אויס אז ס'איז נישט געווען לטובתו, וועט א רשע נישט האבן דעם כח צוריקצודרייען די 'רע' אויף 'טוב', און נאר א ירא ה' קען ווייטער דאווענען און אויך דאס איבערדרייען לטובתו.

ווי ער טייטשט עס אין פסוק 'רצון יראיו יעשה, ואת שועתם ישמע ויושיעם', אז פאר די יראי ה' טוט ער זייער ערשטע תפילה 'רצון יראיו', און אויב זעען זיי אז ס'טויג נישט אזוי, און זיי שרייען נאכאמאל איז 'ואת שועתם ישמע', און ער דרייט צוריק לויט זייער יעצטיגע תפילה, אבער ווער ס'איז נישט אויף דער דרגה, דארף לכתחילה אכטונג געבן זיך נישט איינצושפארן אויף וואס עס זעט אים אויס גוט, ווייל שפעטער וועט ער שוין נישט קענען צוריקדרייען אזוי גרינג.

דעריבער שטייט טאקע אין ספה"ק אז נאך יעדע תפילה זאל מען זאגן "הכל כרצונך הטוב", וויבאלד דער מענטש מצד עצמו דארף בעטן ביים אויבערשטן אלעס וואס ער מיינט אז ס'איז גוט פאר אים, אבער ער דארף צולייגן אז אויב השי"ת ווייסט אז פאר אים איז גוט אן אנדערע זאך, וויל ער נאר וואס השי"ת וויל און ער טוט זיך נישט איינ'עקשנ'ען אויף דווקא דאס וואס קוקט אים אויס גוט.

ווי געזאגט, צוליב דעם איז צומאל דא א הנהגה נישט צו דאווענען נאר זיך מכניע זיין פארן רצון ה', וויבאלד דער מענטש ווייסט דאך נישט וואס איז באמת גוט פאר אים.

אמת אז מ'קען טאקע קיינמאל נישט קלאר וויסן ווען מ'דארף דאווענען און ווען מ'דארף האבן הכנעה, אבער ס'איז א זאך וואס השי"ת טוט דערלייכטן אויפן מענטש בשעת מעשה, און אויף דעם שטייט 'ישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם'. וויבאלד צומאל שפירט דער מענטש א מורא'דיגע התעוררות צו דאווענען כדי צו מבטל זיין א גזירה, און צומאל שפירט דער מענטש אז אצינד דארף ער זיך אונטערבייגן און אננעמען הנהגתו ית' וואס איז העכער יעדע השגה, און ביי אזא פאל דארף מען גיין לויט וואס מ'שפירט. און אויב מ'שפירט גארנישט אויף קיין שום זייט, דארף מען עס אויסקלארן ביי א גוטער איד.

יעדנספאל, אפילו ווען מ'שפירט אז מ'דארף דאווענען, און מ'האט טאקע אסאך געדאווענט אבער נאך אלץ נישט גע'פועל'ט, דארף מען זיך מכניע זיין פארן רצון העליון און וויסן אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער וואס ווייסט באמת וואס איז באמת גוט פאר מיר, אפילו מיר הייבן עס נישט אן צו פארשטיין.

**מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!**

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' יהושע דייטש שליט"א
לרגל הולדת בנו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' ישכר בעריש גאנץ שליט"א
לרגל הולדת בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483